# באשיצט קינדער פון בליי סכנות

בליי איז א גיפט וואס געפינט זיך אפט אין אלטע פארב. בליי פארב, און דער שטויב וואס קומט ארויס פון דעם, איז דער אפטסטער גורם פון קינדהייט בליי פארגיפטיגונג אין ניו יארק סיטי. געביידעס וואס זענען געבויט געווארן איידער 1960 קענען נאך אלס האבן בליי פארב אויף די ווענט, פענסטערס, פענסטער סילס, טירן און אנדערע אויבערפלאכן. בליי געפינט זיך אויך אין טייל קאנסומער פראדוקטן, און אין טייל ערד און פלאמבינג.

בליי פארגיפטיגונג קען גורם זיין לערנען און אויפפירונג פראבלעמען אין קינדער.

## צו באשיצן אייערע קינדער פון בליי פארגיפטיגונג:

- דערמאנט אייער דאקטער צו אונטערזוכן אייער קינד פאר בליי פארגיפטיגונג אינעם עלטער פון איין יאר און צוויי יאר. אויב איר האט נישט קיין דאקטער, רופט **311** אויסצוגעפינען וואו צו אונטערזוכן אייער קינד.
- באריכט שיילנדע, געשפאלטענע אדער לויזע פארב צו אייער לענדלארד. אויב דער פראבלעם ווערט נישט פארראכטן אדער אויב איר קלערט אז דער פאררירכטונג ארבעט ווערט געמאכט אויף א שעדליכן אופן, רופט **311** צו פארלאנגען אן אומזיסטע אינספעקשאן.
- וואשט די ערד, פענסטער סילס, הענט, שפילצייג און צאמיס אפט.
- פארמיידט זיך פון נוצן פראדוקטן וואס מען ווייסט אז עס אנטהאלט בליי. טייל פראדוקטן פון אנדערע לענדער – אזוי ווי געזונטהייט רעמעדיס, עסנווארג, געווירצן, שפילצייג, סעראמיקס, קאזמעטיקס און רעליגיעזע שטויב – קען אנטהאלטן בליי, אפילו אויב עס שטייט נישט אויסגערעכנט אויפן פראדוקט פעקל אז עס אנטהאלט בליי. פאר נאך אינפארמאציע, באזוכט **nyc.gov/hazardousproducts**.
- נוצט נאר קאלטע קראן וואסער צום טרונקען, קאכן און מאכן בעיבי פארמולע. לאזט דאס וואסער לויפן פאר אמווייניגסטנס 30 סעקונדעס, ביז עס ווערט מערקבאר קאלטער, איידערן עס נוצן.
  - רופט **311** צו באקומען אן אומזיסטע בליי טעסט פעקל פאר טרונקען וואסער. איר וועט באקומען די רעזולטאטן ביז 30 טעג פון אריינגעבן דעם וואסער סעמפל.

NYC Health

פאר נאך אינפארמאציע, באזוכט **nyc.gov/leadfree**.